STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07409

""TSU DER VELT""

Shifra Weiss

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„צו דער וועלט"
לידער פון שפרה וויים

ארויסגעגעבן פון די
ז. וויינפער לייען קרייז ביים איקוף
מיט א גרופע פריינט
1943

Poems by
SHIFRA WEISS
Published by the
Pacific Co-Operative Press
Los Angeles, California

צו דער וועלט

מיינע לידער פֿון מאַמען און זין
צו דער וועלט,
פֿאַר וועמען דער ליכטיקער מאָרגן
איז נאָך ניט פֿאַרשטעלט.

פֿאַר וועמען דער היינט
איז אַ צעאַקערט פֿעלד
פֿון נעכטנס קוואַלנדיקן ברונים.
טרייסט ווערטער,
שוראַעס געפֿונען,
ווי זון אויפֿגאַנג אין באַגינען,
באַהעלן, באַווייזן,
אַז די בלייענע, פֿולוואַנע חייעס
וועלן די זון ניט צעררייסן.

שטערן וועלן בלייבן שטערן,
מענטש, אויף צעבלוטיקטער ערד,
זאָלסט מיין ליד, מיין האַרץ דערהערן:
ווי מיר ווערן היינט געפּייניקט
און געקוועלט.
מאַך איך אַלץ נאָך בראָכע
צו דער קומענדיקער באַפֿרייטער וועלט.

מיין אויסגעפליקטע הארץ

מיין אויסגעפליקטע הארץ,
וואו ביסטו פארפלויגן?
אין די ווארשעווער געטאָ־ווענט
גיב זיי מיינע הענט,
און קוש זיי אויס די אויגן.
נעם אראָפּ פון זיי דעם בליי.
זאָג זיי צו:
אויך דאָס וועט פארביי.

און עפשער ביסטו, הארץ מיינס,
אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער
צעקאָפּנס אויף געלעגער
ביי די וואָס ליגן פארבלוטיקט
און געבונדן.
קוש זיי אויס די וואונדן
מיט ליפּן פון אַ מאמען.
פארזיכער זיי,
אז די שלאַנגען
וועלן זיך אליין פארסאמען.

אָדער גאָר, מיין הארץ,
צי ביסטו אין ווילדן דזשאָנגל,
וואָס איז אמאָל געווען הימל?

דער זיבעטער הימל
איז אויך איצט דזשאַנגל.
ווער קען וויסן:
עפשער האָבן די ווילדע חייעס
גאָט אליין צעריסן.

אַ נײט, ווי וואָלט די וועלט
געקענט אָפּגיין אין אַזויפיל בלוט.
נאָר אונדזער גלויבן, אונדזער האָפענונג
איז שטאַרקער פון טויט.
מיר שווערן, די צעשפּאָלטענע פעלדער
וועלן ווידער ווערן געזייט.
נייע פרילינגס
וועלן איבערבליען דעם טויט.

עס קלאַפּט מיין האַרץ מיט יעדער ריר,
מיט אונדזערע טייערע אַרמייען,
עס זאָל זיך זיי איינגעבן
פאַריאָגן דעם טויט און געווינען דאָס לעבן.
וואָס האָב איך מער צוצוטראָגן:
מיין איינציקער פאַרמעגן,
מיין אויסגעפליקטע האַרץ,
זאָלסט וואו מען דאַרף מיך טראָגן.

קלינגען גלעקער

איך בין ווי טויזענט גלעקער
וועלכע קלינגען ניט,
עס שרייט אין מיר מיין בלוט,
נאָר מען הערט עס ניט.

איך בין ווי טויזענט פידלען
אין קעסלדיקע ווענט,
מיט ברענענדיקער ביינקשאפט,
נאָך דעם קינסטלערס הענט.

מיליאָנען הערצער אין מיין האַרץ,
א לייטער פאַר די הימלען.
מיט בראָכעס פון דער ערד,,
צו די שלאָגלער אין די הימלען.

אין שטורעם פון פולווער,
אין געוויטער פון בליי,
מיט טאטע־מאמעס ציטער —
דער גזאר זאָל פארביי.

אין הויכן, אין הויכן,,
זאָל אייך גרייכן מיין בראָכע,
ווי אייך איז באַשערט
צו גאָלדן די עפּאָכע.

זאָל אייך געלינגען די שיידים פאַריאָגן,
פאַרטרייבן
עס זאָל פון די כייעס קיין זויכער
ניט בלייבן.

עס מוז און עס וועט
זיך איינגעבן
פאַרלירן דעם טויט,
און געווינען דאָס לעבן.

אונזערע לעבנס,
אונזערע זין :
וועלן צעפלאַטערן פאָנען פון זיג
איבער בערלין.

פאריז

ווי אַ שפּיז ביסטו אריין אין אונזער לעבן,
די גאַזלאַנים האָבן דיר די ניטגוטע
אוועקגעגעבן.

וועלן מיר ניט רוען
זאָלסט ניט זיין פאַרפאַלן,
פון זינט די באַסטיליע איז געפאַלן
ביסטו געווען
פון פרייד און פרייהייט
דער סימבאָל.
פאַרניידערן מיר זיך
צום אומצייליקן מאָל :
זשאָרעס, זאָלעס, אנאַטאָל פראַנס ,
ראָמען ראָלאַנד לאַנד
צו באַפרייען.

מיט אַלע גוטע שטאַמען.
פאַריז מיר וועלן דיך ניט
פאַרשעמען,
מיר וועלן דיך פון די מאַלעכאַבאַלים
צוריק אָפּנעמען.

פאַראַלנגען פון אַ מאַמען

מיינע זין,
מיינע לידער —
מיינע ליפּן
האָבן אריינגעקושט
מיין הארץ אין אייך.
ווי טייך צו אַ יאַם
ציען זיך דורך אייך
צום מענטשלעכן שטאַם.
אין יעדן זון זע איך אייך.
אין אייך — אַלע זין.
אַלע מאַמעס פאַרלאַנגען
בליען אין מיר.
איך אָטעם מיט פאַרלאַנגען פון אַלע מאַמעס.

איבער רונדער ערד
זאָל מער ניט זיין פאַרשטערט דאָס גליק
פון זיין טאַטע־מאַמע.
מיינע זין,
מיינע אָדלער —
מיין הארץ אין אייערע פליגלען...
ווי יעדע מאַמע, בין איך מיט אייך
אין די הימלען,
אָפּנעמען דאָס טעלערל פון הימל.

נאָר איצט מוזט איר עס אליין דערגרייכן.
זאָל מיין האַרץ אייך זיין אַ לייטער
ווייטער ווי די זיבן הימלען
זאָלט איר גרייכן.

אין אַלע זין זע איך אייך,
אייך זע איך אין אַלע זין.
מיינע טרערן אין יאמים טרערן,
פון מאַמעס וואָס קלאָגן פאַר גליס,
וואָס זיינען זיכער אין זיג,
אין דער געבענטשטער שאָ.
איר וועט קומען צוריק,
וועט הימל און ערד און שטערן
מיט אונדז טאַנצן פאַר גליס . . .

געהענים

געהענים פון אַלע זייטן
און איך פּרוביר
אויף גאַניידן עס בייטן ;

איז גאַניידן אויף קייטן,
אויף שלעסער,
ווער איך אַ שליסל
צו קייטן און שלעסער.

שטאַרקער פון שטאָל
מער פון אייזן מוז איך ווערן,
אין אַלע פייערן ברענען
און פאַרברענט ניט ווערן.

אויף ברודיקע גרונטן,
קלענער ניט ווערן,
ארויף מיט עמער פּערל.

פּערל איז געווען,
פּערל איז דאָ,
נאָר די מיווינים
זיינען ניטאָ.
פּולווער איז זילבער,
בליי איז גאָלד.
ווי גאָט אליין,
וואָלט דעם כורבן געוואָלט.

מוז איך זיך שמעלצן,
מוז איך זיך בויגן,
ווערן אין גאַנצן אויגן,
דורכקוקן דעם בליי,
קעדיי זויבע זיין זען,
אז אויך דאָס וועט פאַרביי.

איעוו און סטאַלין

(די סאָוועטישע דעלעגאַציע פעפער'ן און מיכאָעלס'ן)

אויפן קייווער פון הונדערטער טויזנטער
מייסים קדוישים,
איז איעוו אויפגעשטאַנען טחיעס האמייסים,
קאַדעש געזאָגט, קריע געריסן.

די נאַכט מיט כוישעך איבערגעגאָסן,
ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל קיין טאָג ניט געטאָגט,
האָט איעוו איסקער געקלאָגט,
פאַר צאַר פון זיך די פלייש געריסן.

גאָט, איך האָב געגלויבט ביסט אַ פאָטער,
זיך מיט דיר געקריגט און שויפער געבלאָזן,
פאַרוואָס האָסטו די עגדעשן און שלאַנגען
אויף מיין פאָלק ארויפגעלאָזן;

עפשער האָבן די הימלען דיך פאַרלאָזן,
עפשער וועט מען דיך אויך געפינען אַ טויטן,
אַניט ווי וואָלסטו דערלאָזן אויף אומשולדיקע קינדער
אזוינע שוידערליכע טויטן...

האָט איעוו געיאָמערט געוואָלט וויסן,
פאַרוואָס האָט גאָט די כייעס

פון זייערע מאַמעס לייבער ניט ארויסגעריסן,
איעווס יאָמער האָבן די הימלען געביסן.

פאַר די קינדער וואָס מען האָט געקוילעט
געסאַמט אין די אויגן פון טאַטע מאַמען
זאָלן אויסגעטריקנט ווערן די יאַמים,
זאָל די ערד אוועק אין פלאַמען.

זאָלן אויסגעלאָשן ווערן די שטערן,
אויב גאָט און לייט האָבן דעם יאָמער
פון די געפּייניקטע ניט געקענט דערהערן.
פאַרוואָס האָט גאָט כורבן ווארשע
ניט געקענט פאַרווערן.

הערט מען איבער גאָר דער ערד
איעוו׳ן ברומען,
אלע מאַגייפעס
זאָלן אויף אונדזערע פּייניקער קומען.

קען די זון אזויפיל יאָמער ניט פאַרטראָגן,
שטעכט זי דעם כווישאך אוים די אויגן,
מיט דימענטענע שפּיזן שטראַלן,
ווערט די נאַכט צעשטויבט, צעפאַלן.

שטייט אַנטקעגן איעוו׳ן סטאַלין,
ניט אָפּ שאָלעם,
רייבט איעוו די אויגן
פאַר דעם רעגנבויגן כאָלעם.

רעדט סטאַלין און עס הערן,
הימל און ערד און שטערן;
די יאַמים בלוט טאָרן נים
און וועלן נים פאַרלאָרן ווערן.

זיי געטרייסט
טייערער איעוו,
מיט מיין גראַד,
מיט לענין גראַד
און מיט קיעוו.

אין ליכט פון באַגינען
מוז מען טרייסט געפינען,
אין פאַרלירן
ליגט אויך דאָס געווינען.

עס מוז און עס וועט זיך איינגעבן,
פאַריאָגן, פאַרלירן דעם טויט
און געווינען דאָס לעבן.

עס ווערט מעקויעם אונדזער
הייליקער באָלעם,
דעם גרעסטן קריג פון אַלע צייטן
וועלן מיר בייטן די וועלט
פאַר פרייהייט, ליבע און שאָלעם.

היינט

חיים קאַטילאַנסקיין

היינט מיידן זיי אונז אוים,
האָבן אונז פיינט,
ווי אַמאָליקע פרומע,
ברוך שפּינאָזען,
וועל איך קיין שופער נים בלאָזן,
אַז אַלע זאָלן ווערן טויבן.

באַ דער זון אויף די שויבן
וועל איך ווערטער קלייבן,
זאָלן איידעם בלייבן,
ווי מען ווארפט אונז אין חירעם
אויף אַן אויפן ווי אַמאָליקע
אויפן שייטערהויפן,
ווערן מיר געקוועלט
נאָר דערפאר וואָס מיר גלויבן
אויסצולייזן די וועלט.

צו וועמען זאָל איך בעטן ?

צו וועלכן אָרען־קוידעש זאָל איך צופאַלן
און אויסשרייען מיין פּיין,
א רעפוּע בעטן און א ברעג
פאַר די וואָס מען לאָזט אין ערגעץ
ניט אריין ?

עפּשער בעטן ראַכמים
באַם שטורימדיקן יאַם,
ער זאָל אַ טאַטע־מאַמע זיין
פאַר די וואָגלער פון מיין שטאַם.

און אויב כאָלילע מייניקע
אומקום איז באַשערט,
בעט איך ביי דעם שטורעם:
שלינג אין גאַנצן איין די ערד.

און צום הימל ווענד איך זיך :
באַשיץ זייערע טעג,
זאָל די בענטשונג אונזערע
זיין פאַר זיי אַ ברעג.

צעזייטע און צעשפּרייטע,
מיר שטרעקן אוים צו אייך

אי הארץ, אי האנט —
אונזער פלאטערדיקע ליבשאפט
זאל זיין פאר אייך א לאנד.

א טפילע פון א מאמען

עס זאל מיין הארץ ניט פלאצן,
גיב מיר, גאט, קויעך,
צו בארעכענען און אפשאצן,
עס זאל אויסהאלטן מיין מויעך.

איך זאל אין לעבן קוקן
ווי מען קוקט אין דער זון,
ווען איך שיק אין וואסער
און אין פייער
מיינע אויגן, מיינע זין.

עס האט פארדינט מיין לאנד,
אין יעדן פראט, אין יעדן זין.
צושטייער מיינע הענט,
מיין הארץ, מיינע זין.

מיין לאנד האט מייניקע געגעבן:
היים, ברויט און זון,
בין איך גרייט צוצאלן
מיט מיינע טויזענט לעבענס — מיינע זין.

דאָך בעט מיין הארץ באם וואסער,
מיט בלוט און טרערן:
פאר מיינע זין זאָלן יאמים
יאבאָשע ווערן.

און צו די פייערן ווענד איך זיך
ווי צו מאכעטאָנים,
אַז ברענען און בראָטן
זאָלן די כייעס די סאָנים.

צו בענטשן און שילטן,
גיב מיר גאָט קויעך,
עס זאָל ניט פּלאצן דאָס הארץ,
און עס זאָל אויסהאלטן דער מויעך.

מיין זון אין יונעפאָרם

עס פּאסט דיר, מיין זון,
די קריג־יונעפאָרים,
ווי עס פּאסט
דעם צאָפן דער דאָרים.

נאָך איידער דו ביזט געבאָרן,
מיין זון, מיין שענסטער כאָלים,
האָב איך געהאָפט אויף שימשן־האגיבער,
פאר ליבע און פאר שאָלים.

געוויגט דיין וויג מיט לידער,
געקושט דיינע גלידער:
אַז דו וועסט זיין אַ מאַן,
זאָל די וועלט שוין זיין פארברידערט.

נאָר וואָס מאַמעס האָבן געכאָלעמט,
און טאַטעס האָבן געטראַכט —
האָבן ווילדע וועלף
אויף שייטער אומגעבראַכט.

ווי גאָט וואָלט זיך אָן אונז פארגעסן.
ווי די זון וואָלט זיך אויסגעלאָשן,
די ערד דורכגעווייקט,
די יאַמים מיט בלוט איבערגעגאָסן.

און דו ביסט אַ מאַן, און ביסט אַ איד,
שמיד און גלי אָן מיט פייער אַ רוט,
טויזנט טויטן זאָל עס טראָגן,
פאַר די פייניגער פון אונזערביין און בלוט.

דיינע טאַטן זאָלן זיין אַזוי גוט
זאָלן ווערט זיין צו בלייבן אין ספאָרים,
ווי דער מיזראַך דעם מיירעוו,
ווי דער צאָפן דעם דאָרים,
פאַסט דיר, מיין זון, די קריג־יונעפאָרם.

צו די רויטע אַרמייער

אייער קאַמף אויסדערציילן,
איז ווי איבערציילן
אַ גאַנצן דאָר
ניגערשע געקרויזטע האָר.

טעכטער און זין
אויפגעריכטע,
איר גיט אַנאַנדער פּאָנים,
די בערן און וועלף געשיכטע.

אינקוויזיציע בלוט
רייניקט איר
מיט אייערע
הייליק בלוט.

וועט איר אין ווייעט
אַמאָל בלייבן,
ווי געטראַנק
פון די בעסטע טרויבן.

אין אייביקייט
אייער קאַמף אויסדערציילן
איז ווי איבערציילן

א גאַנצן דאָר
ניגערשע געקרויזטע האָר.

* * *

איר וועט אויסלעשן
די פלאַמען פון דער וועלט,
איר וועט אָפּראַמען דעם בליי
וואָס דעם הימל אונז פאַרשטעלט.

אייך איז באַשערט,
רייניקן די ערד,
זאָל מער ניט זיין
פאַרשטערט.

איר וועט זען די שאָ,
זי וועט קומען,
איר וועט אָפּנעמען די זון,
וואָס די כייעס האָבן פאַרנומען.

געבענטשט זאָלט איר זיין,
רויטע אַרמייער,
ווי איר צאָלט איצט טייער,
אין וואַסער און אין פייער.

אין בלוט און אין פלאַמען
גייט מיט מיט אייך מיין האַרץ,
מיט בראָכעס פון א מאַמען.

מיר פרויען

פריער פלעגן מיר פרויען
טראָגן מענערשע קליידער
קעדיי צו באווייזן
אונזער פרויִלעכקייט

איצט טראָגן מיר פרויען
מענערשע קליידער,
קעדיי צו באווייזן
מענלעכקייט.

מיר גיסן דעם שטאָל,
מיר שמעלצן די אייזן,
און ווען באווייזן
די וועלט צו באַשפּייזן.

מיר בויען די באַנען,
די טאַנקען און עראָפּלאַנען,
און פאַרשטייען איצט מער,
ווי מיר האָבן ווען פאַרשטאַנען.

די חייעס
צו פאַריאָגן, פאַרטרייבן
אַז הימל און ערד
זאָל אונז נאָך פאַרבלייבן.

מיט חושים פון פרוי,
און ליבשאַפט פון מאַמען,
די וועגן פון וועלף
מיר פאַרצאַמען.

צוזאַמען מיט מאַן,
און מיט ברודער,
באַם רודער פון וועלט —
די זון זאָל ניט זיין מער פאַרשטעלט.

שטאָלצע מיר טראָגן דעם גורל
וואָס אונז איז באַשערט.
מאַמעס צו זיין —
זאָל ניט זיין מער פאַרשטערט.

מיין זון

עס איז איצט די שאָ
פאַר מיר, פאַר דיר ;
ביסט איצט, מיין זון,
אַ אינזשיניר — — —

איז אָפן פאַר דיר
טויער און טיר.
פאַבריק נאָך פאַבריק,
פאַר דיר, מיין גליק.

מיט פילע ווי דו
פּלאַנעווען אַ פּלאַן
דעם גרעסטן, דעם בעסטן
עראָפּלאַן.

מער פּולווער, מער בליי
מוז עס האַלטן.
די ווילדע הימלען
צו מעסטן, צו שפּאַלטן.

די שטאַרקסטע, די גרעסטע,
פייערדיקע אייזערנע רוט
פאַר די פייניקער
פון אונדזער ביין און בלוט.

צעטראָג, קריץ איין
אונדזער קריץ מיט די ציין,
אזוי ווי עס איז
וועט מער ניט זיין.

מיין פּלאַן פון אַלע פּלענער,
מיין זון, מיין הארץ, מיין וועלט,
גיי געזונטערהייט,
שטעל אָפּ דעם גזאַר פון דער וועלט.

שוועסטער מיינע

שוועסטער מיינע,
מיט טאַבאַק טונקל הויט,
אונטער איין הארצן געלעגן,
געדרייט אין דער נויט.

שוועסטער מיינע,
מיט פעך שווארצע צעפּ,
פון איין טאַטע הונגער,
פון לייזיקע טעפּ.

שוועסטער מיינע
מיט מאַנדל אויגן,
און פיסלעך קליין,
נענטער זיך און לאָמיר זיך פארשטיין.

שוועסטער מײַנע,
מיט הימל אויגן,
און גאָלדענע האָר,
קום אַרײַן, שליס זיך אײַן
אין דעם כאָר!

אַלע, אַלע פֿון אײן דאָר,
פֿון אײן צײַט,
אַ זונג און אַ קלונג
און אַ שפּרונג,
אַ נעם די וועלט און אַ בײַט.

אַ בירא בידזשאַנער קאַלע

איך גײ אין פֿעלד מיט כאַוואַרטעס
אַקערן, זײען און שנײַדן.
כאַווײרים אין וועלדער האַקן בײמער,
בויען אַ שטוב פֿאַר אונדז בײדן.

איך טו אָן אַ נײ קלײד צום פֿאַרזאַמלונג,
פֿאַר גוטער אַרבעט וועט מען אויסרופֿן זײַן נאָמען.
אויף מײַן פּנים וועט מען דערקענען:
מיר האָבן זיך צוגעזאָגט צו נעמען.

ער פירט מיך אַהיים אין אַ ליכטיקער נאַכט,
ווי די ליוואַנע וואָלט גאָר זיין אַ זון.
די גוטע טייכן, זיי שטימען איין,
דער ערשטער זאָל זיין אַ זון.

מיר שפּאַנען דורך די וועלדער,
ווי מיר וואָלטן דאָ געווען געבאָרן.
גיבן ביימער אונדז די הענט,
און ווינטשן אונדז לאַנגע, גוטע יאָרן.

איך קום אַהיים איז דער טאַטע שוין אויף,
איך קוש אים און כאַפּ אים טאַנצן.
עס טאַנצט מיט אונדז די שטוב, דער הויף,
און די זון וואָס גייט ערשט אויף,
די מאַמע עפנט אירע גוטע אויגן,
און גיט מיר אַפּ מאַזלטאָוו.

בירא בידזשאַנער בויער

אוראַלטע וועלדער,
פעלדער מיט ברויט.
עס שמעקט פון אייך
מיט פרייד און ברויט.

ביימער, טייערע ביימער,
מיט פּרוכט אויפגעריכטע,
גאָלדענע רינגען
אין קייט פון געשיכטע.

מיט נייע שטיבער
וואַקסן די גאַסן,
ווי גאָט אליין
וואָלט מאָס און וואָג
צוגעגאָסן.

אונדזער שטאַם מיט די שטאַמען
פון פעלקער און ראַסן,
די וועלט אויפצוראַמען,
מיט ברויט און מיט פרייד
און אָן קלאַסן.

שפּאַניע

איך באַנוגן זיך ניט נאָר מיינע
קליידער אייך צו שיקן,
דעם סוינע צו צופליקן,
גליען אויף די בליקן,
פלאַטערן אויף די צווייגן — די אויגן,
די ערד און דער הימל

פון די צייטן, אויף וועלכן אויפן,
די היינקער האָבן אונדזערע געבראַטן
אויפן שייטער־הויפן.

ווען איך זאָל איצטער זיין
אין מיינע זיבס יאָרן,
וואָלט איך ניט געגאַנגען,
ניט געפאָרן,
געפלויגן,
אייך צעשטייער ברייננגען,
מיין האַרץ און מיינע איגן.
געוויער זאָל עס ווערן
אין סוינעס האַרץ אריין.

טעכטער און זין פון שפאַניע!
ווי רויטע כופּעס
וועט איר פלאַטערן אין ווייטע אַמאָלן,
פּאָעטן וועלן אייך באַזינגען,
קינסטלער באַמאָלן,
אייערע ביינער מאַכן פעט די ערד
פאַר צוקינפטיקע דורעס,
וועט איר בלייבן אין דער צוקונפט
שטיקער זון,
איר גיט די געשיכטע אַ נייעם זין.

אונדזערע הענט

בלייך און דין אונדזערע הענט,
פון ווינטן און פון האנדלען,
פון בינדן און פארבינדן פעק,
פון אור־אוראלטן שרעק.

מיט פיבערדיגן ברען
האבן זיך אונדזערע הענט
צוגעכאפט צום לאנד;

מיט בראכעדיגן טראט
הינטער'ן אקער אייזן
פלאנצן מיר איבער
אונדזער לעבן.

אונדזער הויט
באבראנזט די ברענענדיגע זון,
קרעפטיגן זיך אונדזערע
ביינער.

מיר וואקסן
צוזאמען מיטן לאנד,
שמעקט פון אונדז
מיט פרישן ברויט.

צו מיין האַרץ

איך דאַנק דיר, מיין האַרץ,
און וועל דיר אייביק דאַנקען.
וואָס דו פירסט מיך
צום אָרימען און קראַנקן.

און אייך, מיינע געדאַנקען,
א גרויסן יאַשער קויעך,
וואָס עם שפּירט מיין מויעך
דעם וועג צום גלייכן.

ווי בייזע וועגן אויסצואווייכן,
ווי טייכן וואָס ציען זיך צום יאַם —
מיין גורל מיט מיין שטאַם.

ווען טאָג פארגייט

ווען די זון צוגיסט
איבערן הימל איר ווײַן,
גייט טאָג מיט שטילע טריט
אין דער אייביקייט אריין.

טישן שטייען גרייט מיט פרוכט,
מיט גרינס און מיט ברויט;

ווערט אין הארצען ווי דאָס לעבן
וואָלט מיט קאַרשן זיך צעבליט.

ווען טאָג פאַרגייט,
מעג דער הימל זיין
מיט זאַנגען פאַרזייט,
איז פאַר סקיינים און קינדער
ניטאָ קיין ברויט...
ווערט מען ווי פון שלאַנגען געדרייט,
ווי מען וואָלט זיך אין די אויגן
געקוקט מיט טויט.

העפקער

מיינע זין,
מיין צאַר איז ניט נאָר פאַר אייך,
מיין טרערן טייך
פאַלט אריין אין פיין,
אין יאַם פון מיין שטאַם ;
איז דער צאַר ברייט,
און דער פיין טיף.
אָן אַ קאַפּיטאַן אונדזער צעבראָכענע שיף.

די כוואַליעס זיי וואַרפן
אַרוים און אַריין,

ווי עס וואַלט אויף דער וועלט
קיין ברעגן ניט זיין.

העפקער דער שטורים הויבט אונדז אויף
און שלינגט אונדז איין.
זאָל זיין וואָס וועט זיין —
אזוי ווי עס איז קען דאָך אייביק ניט זיין.

ליכט

עס האָבן אין הימל
טויזנט ליכט זיך אָנגעצונדן,
האָט די צייט פאר אונדז
איר ליכט צעבונדן.

שפרייט זיך ליכט
אויף אַלע וועגן,
דארף מען וואו צו גיין
ניט פרעגן.

גליען, ליכטן
קופער געזיכטן,
האָט ווער אויף דעם
געקענט זיך ריכטן?

פון אַלע ווינקלען
זאָל מען קומען,
אַלע אין ליכט
ארומגענומען.

דאָס ליכט פון אַלע צייטן
האָט אויף אונדז זיך אויסגעגאָסן,
אין נייעם לעבן גייען מיר
איינג מיט ליכט געשלאָסן.

יעסעמיטע טאָלן

אויף אוראַלטע בערג,
אין שטיין איינגעהאקט וועגן,
פון און פארן מענטשנס וועגן,
ארויף, ארויף צום הויכן,
די קעפ פון די בערג צו דערגרייכן.

הארט בא די וועגן און ווענט,
טראָגט זיך מיט אימפעט
מארסעד טייך,
אָנגעגלייט פון זון.
איבער אָנגעוואָרפענע שטיינער
זעט עס אוים ווי אינדיאנער
וואַלטן אין א טאַנץ ארוים,

קלינגט אָפּ אין די אויערן
אַ געזאַנג,
וואַסערן טאַנצן מיט וואַסערן
גיך, גיך, ווי קיפּלינגס פּאָעמע שיך.
בערג, — אַקסל אויף אַקסל,
קאָפּ אויף קאָפּ,
ארום ארומגעשרויפטע וועגן
כאַפּן מאַשינען דעם אָטעם ניט אָפּ,

ווי פלאַטערדיקע אַלבאַטראָסן
טראָגט מען זיך אַרויף
און אַראָפּ און ווידער אַרויף,
עפענען זיך טויערן און טירן אויף;

בלייבט מען פארגאפט
אַנטקעגן גאָטס וואונדער,
וואַסער־פאַלן
גיסן, גיסן, גיסן,
נאטור שטעלט אנטקעגן
איר פארמעגן פאר די אויגן.

שטיין און בערג און וואַסער,
בלויער הימל,
ווייסע וואַסער־בלומען
אַ געזאַנג פאר די אויגן,
אַ סימפאָניע פון בלויע פויגל.

אַז דאָס האַרץ זאָל פאַר שיינקייט
זיך ניט אָפּשטעלן,
מען זאָל פון וואונדער
פאַרשטיינערט ניט ווערן.
גיסן די אויגן
א רעגן פון טרערן.

יעסעמעטע טאָלן !
ווער קען וואַגן
דיינע אויצרעס צומאָלן,
וועלכע ווערק מען זאָל פון דיר
ניט שרייבן,
וועלן דיינע טויזנט וואונדערס
אונטער שלעסער בלייבן.

בעסער זאָל זיין

ראָז שאָמער

די נויט איז א יאַם
און איך בין א שיף
צאר קאַפּיטאַן,
פירט אין דער טיף.

די טיפן אָן גרונטן
די כוואַליעס אָן ברעגן ,

רייסן שטיקער
פון לעצטן פאַרמעגן.

בין איך אַ דריילינג
מיט שטורעם און בליי,
מיט בראָכע אויף די ליפּן:
אויך דאָס וועט פאַרביי.

גלויב אין דעם טאָג
און בעט פאַר דער שאָ,
אַז בעסער זאָל זיין
אויך וואו מיר זיינען דאָ.

אויך אזוי

וואו איך גיי,
און וואו איך שטיי —
טוט מיין עלענט
אויך אזוי.

וואָס איך אַקער,
וואו איך זיי —
טוט מיין אומעט
אויך אזוי.

ווי אויף בערג
דער קלאָרער שניי,
ווי אין מידבאָר זאַמדגעדריי —
מיין בייַנקשאַפט אויך אַזוי.

וואָס איך בין

רעגינע גאָלדראַט

איך בין די גלוט, איך בין דער ברען;
איך בין דער פּיין, איך בין דער קלעם,
איך בין די לוסט, איך בין די פרייד,
איך בין די כאָכמע פון די רייד.
איך בין דער באַרג און ברען אין זיך,
טריט בא טריט שטייג איך איבער זיך.
איך בין דער וואַלד, וואָס רוישט אין מיר,
און בלאָנדזשע אליין אין מיר...
און בין די וואַסער־שלאַנג געדרייט,
די זאַפט פון אַלץ, וואָס איז געזייט.
איך בין דאָס פעלד, פול מיט קאָרן;
איך בין די שאָ, די טעג, די יאָרן.
איך בין די בלום, פול מיט דופט,
דער וואָלקן־שוים אין דער לופט.
איך בין דער יאַם, די כוואַליעס און דער שוים,
איך בין דער צווייפל און דער טרוים.
איך בין די העלסטע זון, וואָס ברענט און בריט.

און דאָס אייזן, וואָס שמעלצט און גליט...
איך בין דער ווירבל אין דעם שטורם,
דאָס העכסטע פון דעם טורעם...
איך בין דער וואַנדער־שטערן אין רוים,
אַ זעגל שיף אין יאָם פון מיין טרוים.

דורך דעם וואָס איך פאַרגעטער
ראָז וואנעטיק

דורך דעם וואָס איך פאַרגעטער
ווערן גרינער אויף דיביימער די בלעטער.
ווערן גרינער אויף די ביימער די בלעטער,
ווערט מיר אַ פרעמדער אַ פעטער,

אַז אַ פרעמדער ווערט מיר אַ פעטער
צעבליט זיך אין האַרצן באַטאָכן,
אַז אין האַרצן בליט באַטאָכן
ווערט יאָמטעוו אין דערוואָכן.

אַז יאָמטעוו ווערט אין דערוואָכן,
ווערט וואָס צו באַקן און קאָכן,
אַז עס איז דאָ וואָס צו באַקן און קאָכן
הערט אויף דער קידער ווידער,

אַז אוים מיטן קידער ווידער,
ווערן מיר אַלע גוטע שוועסטער און ברידער,
אַז אַלע זיינען מיר שוועסטער און ברידער,
מאַכן מיר קידיש אויפן בעסטן וויין,

אַז מיר מאַכן קידיש אויפן בעסטן וויין,
שטילט דער סאַמבאַטיען זיך איין,
אַז דער סאַמבאַטיען לייגט זיך שלאָפן
הויבט מען אָן אויף וואונדער צו האָפן.

אַז מען הויבט אָן אויף וואונדער צו האָפן
הויבט אָן וואונדער צו טרעפן.
אַז וואונדער הויבט אָן צו טרעפן
ווערן טיר און טויערן אָפן;

טיר און טויערן פון ווייטן שפּעטער
דורך דעם וואָס איך פאַרגעער

אונטער פּיר אויגן

אונטער פיר אויגן

איך מיט מיין צאר אונטער פיר אויגן,
האָבן זיך די הענט געגעבן קיינעם ניט אויסזאָגן.
עס וועט אייגענער פיין ווייניקער ניט ווערן,
צו וואָס איבערפולן פרעמדע קרוגן?

איך וועל מיר באַנוגענען מיט אייגענע
פריילעך, לוסטיק צו פארברענגען.
יעדערער באַזונדער און אַלע אינאיינעם
האָט גענוג מיטן לעבן צו קריגן, זיך צו דינגען.

טאַנצן מיר און שפרינגען. רעדט צו מיר
די דאַרינקע מיט ביינער דורך די הויטן:
דו מיינסט, דיר איז שלעכט —
איך וואָלט זיך גערן מיט דיר בייטן.

פון נאָענטן און פון ווייטן
ברענט אויף מיר די פעטינקע די אויגן:
נאָר וואָס דו ביסט,
פיין לאָזט זיך מעסטן, אָדער וועגן,

גיבן מיר צוויי פייגן פיר אויגן,
קיין מאָל ניט אויסגעשלאָפן,
זיי זאָלן זייערע הערצער אויסריידן,
וואָלט מען אין ווילדן וואַלד אַנטלאָפן.

עסן מיר און טרינקען, טאַנצן און לאַכן,
אין קאָלירטע קליידער און זיידענע זאָקן.
דערציילן זיך פליגלדיקע מייסעס
איינער פארן צווייטן דעם צאר ניט אָפּצודעקן.

ווי דער טאָג

דער טאָג איז שיין,
און דו ביסט מערער ווי דער טאָג,
דו האָסט פארפולט —
מיין לעבן מיט מאָס און וואָג.

די שאָ בין איך,
די אייביקייט ביסטו,
צונויפּלום —
די אומרו מיט דער רו.

ער זאָגט מיר צו
מיין אומעט אַ צעשטויבטן שטויב,
אַ וואלד, אַ וואסער און אַ ברויט,
און קינדער טאַנצן אין מיין שטוב.

נעם דאָס בילד און שטעל עס אין אַ ראַם,
מיט דער פאמיליע פון דעם גאַנצן מענטשן־שטאַם,
און גיב נאָך צו אַ גראַם,
דעם לעבנס טאָך, דעם לעבנס פלאַם.

אויף טיש שמעקעדיקע פרוכט און גרינס,
אנטקעגן אונדז דאָס ליכטיקע געווינס;
בלויע אויגאַלאַך קלינגער פון די קלינגסטע רייד,
און מיר שניידן לעבנס שמעקענדיקן ברויט.

פון מיר און דיר

די זון שיינט היינט פאַר מיר,
ווי דער ליכטיקער פּנים פון מיין קינד,
איך וואַרט אַ גאַנצן טאָג אויף דיר
און אויף דעם ווייכן אָוונט שוים,
און פאַר דער פרייד: —
פון אייביקייט די גרויס.

איך זע דיך קומען גלייך מיט אָוונטס טריט,
אַלדאָס גוטס פון לעבן
צעשפּילט אין מיין געמיט,
פון אַלע קאָלירן אויפגעגאַנגענע פאַרלאַנגען,
אין מיין בלוט פאַר דיר צעבליט.

דאָס קינד אַנטקעגן מיר און דיר —
דאָס ליכטיגע פון אונדז,
וועט מיט וואַקסנדיקע טריט
אַרויסגעבן דעם סוד,
פון מיר און דיר.

מיינע זין

זינט איר זייט געבאָרן,
זיינען מיינע נעכט געוואָרן טעג.

איך וואַקס נאָך אַמאָל מיט אייך,
אין אייערע אויגן לייכט מיין פאַרמעגן.

אין אייער מאַמע זאָגן
בליען מיינע מאַראַנצן.
מיינע איינגעגעבענע זומערס.

מיט אייער וואַקסן —
מערער, שטאַרקער מיין איך.

מיינע זין

מיינע זין,
זין פון מיין לעבן,
ווער קען אויפן וואָגשאָל לייגן
אָן וואָס איך האָב מיך אָנגעשלאָגן,
צוליב אייך, פאַר אייך געקירעוועט
די ביינער פון לעבן.

איר זאָלט מיר איבערוואַקסן,
איר זאָלט מיר איבערשטייגן,
צוליב אייך בין איך ווי אַ שטורם־פויגל
צו אַנדערע וועלטן געפלויגן.

איצט בין איך פון אייך
מיט צוויי קעפּ קלענער,
יאָגט די וועלט אירע וועלף אויף אייך,
מיין פלייש, מיינע ביינער.

האָב איך עפּשער געמעגט זיך שעמען,
מיינע זין, מיינע ברידער!
ווען איך זאָל קענען וואָלט איך אייך צוריקנעמען
אין מיינע גלידער.

ניט ווייל עס איז דאָ אייך וואו צו באַשיצן,
וואו צו באַהאַלטן,
פולווער רעגן
אין אַלע ווינקלען, אין אַלע שפּאַלטן.

עס יאָגט אַ מאַבל פון בליי
אויף אונדזער לעבן, אונדזערע יאָרן.
לאָמיר שמידן די שיף
צו ראַטעווען די פאָרן.

פון גאָט באַשערט

איך טוט מיר אזוי וויי,
ווי די זון דעם שניי. —
נאָר אייערע שטראַלן
ווערן אויף מיר ניט פאַרפאַלן.
איך נעם זיי מיט
וואו איך גיי און שטיי.

ווען איר זייט אַקער —
בין איך די ערד;
פאַרנעם אייער געזיי
ווי פון גאָט באַשערט.

אז איר זייט זעג —
בין איך דער בוים;
ווען איר זייט מיין וועלט —
בין איך די היים.

אומרו

צו מיר די רו
איז ווי אן אלט אָפּגעטראָגן קלייד,
כאָטש עס איז אין איר באקוועם
דאָך פיל איך ניט אין איר קיין פרייד;

אָפּגעקראָכענער קאָליר
פּאַסט עס ניט צום פּנים מיר.

די אומרו איז צו מיר
אַ נײַ־העל קאָלירטע זײַדן קלייד,
ציר איך מיך אין איר
אַמאָל אין פּײַן ,אַמאָל אין פרייד,
ווי עס זאָל ניט זײַן —
גיט עס צו מײַן לעבן קאָליר,
לאָז איך מיר אַמאָל אויף מײַנע אומרואיקע פליגל.
ווי אין טיפע וואַסערן אַ שיף.

אין אַלע ווינקלען ווײַט און טיף,
קום איך צו וועלכן לאַנד איך וויל —
איז אַלץ פאַר מיר אַ ברעג, אַ ציל,
אויף מײַנע אומרואיקע פליגל,
ווי אַ פליענדיקע טויב
וויג איך זיך אין אומרואיקן שפּיל.

ר ו

אין רעגנס, ווען עס נעמט מיך אײַן די רו,
ווי מײַן אינגסטער זונעלע,
מיט גאָלדן קעפּעלע צום האַרצן —
לייג איך אויף שוועלן פון נעכט

מיין יונגן קאָפּ.
אין שטילע טײַכן
שווימט אונזער שיף
צו די ברעגעס פון מיין אויסגעבכאָלימטער וועלט.

ווינטן, ווי טאַטע־אויגן,
קריכן אונטער די הויטן.
ברענענדיקע ליפּן פון אַלע מיינע ליבעס
קושן אוים דעם צאַר פון מיינע בלוטן.
וויעס מיינע, ווי געזונטע קינדער,
פאַלן איין אין שלאָף.

מיין גורל

אויב מיין גורל
נאָר אַ רעגע
נאָר מיט דיר,
טאָ זאָל די רעגע
ווי אַ דימענט
דורכשניידן מיין בענקען ;
אָדער ווי אַ פּערל זאָל עס לויכטן,
מיין גאַנצן לעבן צו גערענקען.

און ווען דער טהאָם
וועטביידן אונז פארשלינגען,
זאָל די בייגקשאַפט זיין געהייליגט,
מיין בלוט זאָל נאָך דיר זינגען.

מיינע טפילעס

לוּאַיין

מיינע טפילעס,
האָבן דורכגעריסן די הימלען,
מיט מיינע הוילע הענט
האָב איך דערלאַנגט גאָט מיין האַרץ.

האָט גאָט מיין האַרץ ניט פארשעמט,
ווי בראָכע וויין גענומען צו די ליפּן,
מיט מיין האַרץ אין די ציין:
איז גאָט פארגליווערט געוואָרן,
סאָם איז עס געווען,
סאָם וואָס האָט פארסאַמט מיין לעבן,
האָט פארסאַמט מיין גאָט.

אַ מיידל

אין אַ שטיינער־שטאָט אויף אַ גאַס,
גייט אום אַ מיידל און ביינקט,

און די שטיינערנע ווענט פון שטאָט,
צום צאַר קיין אויערן האָט.

ווײַנט דאָס בלוט אין מיידל, —
עס בענקט נאָכן שטעטל אַהיים,
און נאָך דער מאַמען דער גוטער,
וואָס איז דאָרטן אַליין ווי אַ שטיין.

און נאָך די פעלדער באַם שטעטל,
און נאָך די ווינקלען אין וואַלד,
און נאָך דעם באָכער דעם איינעם,
וואָס זי טראָגט אין איר בלוט זיין געשטאַלט.

ציט זיך די בענקשאַפט פון מיידל,
ווי שטעגן צו אַנדערע וועלטן,
און אויף שטאָטישע שטיינער־ווענט, רוט,
די בענקשאַפט פון ווײַנענדיקע בלוט.

דערמאָנונג

מײַן באָבאַלע
האָט וואָל געשפּונען
פאַר אונזערע קינדערשע זאָכן;
מיט מײַסאַלאַך פאַרגרינגערט אונז
דאָס מאָזלען און דאָס פּאָכן.

זיינען ווייכע וואָלן
און וואונדער מייסאַלאך —
מיינע דערמאָנונגען
נאָך מיין גוטער באָבען.

די מאַמע,
פלעגט מיט איר גאַנצער ליבע
מיינע גלידער אויסקושן,
זיינען אָנגעצונדענע ליכט,
און הייסע קושן —
מיינע דערמאָנונגען
נאָך דער מאַמען.

דער טאַטע,
פלעגט אין מאַרק, זיינע פיס צופרירן,
פאַרדינען אונז אויף ברויט,
זיינען פרישע זעמל, געטונקט אין מילך,
די דערמאָנונגען נאָך מיין גוטן טאַטן.

מאַן פון מיין האַרץ

מאַן פון מיין האַרץ,
ווי אַ מוטער, וואָס ווארט אויף איר קינד.
פון אַ לאַנגער נעסיע,
מיט פרייד וואַרט איך אויף דיר,

ווי די זון, וואָס ברענט און גליט:
גליט מיין באַגער צו דיר,
אין מיין כאָלעם אויף דער וואָר —
אַלע מיינע טירן זיינען אָפן ברייט פאַר דיר.
איך זע דיך איילן אין דער שטילער נאַכט,
און מיינע בלוטן רייסן זיך צו דיר,
מאַן פון מיין האַרץ.

מיטל־יאָרן

איך וויקל זיך ניט מער אין שאַלן
מיין געליבטן צו געפעלן.
ווייל איך זיין פון דיינע בעסטע יאָרן
דער ווייַן.

מיינע זילבערנע האָר —
דאָס זילבער פון דיין לעבן.
מיין בראָנזענע הויט —
דאָס גאָלד פון דיר אליין.

יאָרן זיינען שטיינער געווען,
דער באַרג פון דערגרייכונג — אַ גלייכע וואַנט.
האָסטו מיך אָפט פאַרלאָרן פון אויג,
איך — דיך פון האַנט.

נאָר סאָף קאָל סאָף —
פּאַר אַלעמען איז דאָ איין וועג.
די שווערע רעדער, די יאָרן —
זיי דרייען זיך אוועק.

צו מיין הארץ

איך דאַנק דיר, מיין האַרץ,
איך וועל דיר אייביק דאַנקען,
וואָס דו פירסט מיך
צום אָרימאַן און קראַנקן.
און אייך, מיינע געדאַנקען,
אַ גרויסער יאשער קויעך,
וואָס עס שפּירט מיין מויערך
דעם וועג דעם גלייכן,
ווי בייזע וועגן אויסצואויייכן,
ווי טייכן וואָס ציען זיך צום יאַם —
מיין גוירל מיט מיין שטאַם.

מאַמע מײַנע

װי ס'בענקט זיך איצט
נאָך דײַן שוים!
װי איך בין גרױס,
װאָלט איך גערן אײַנגעטוליעט זיך אין דיר,
כאָטש אױף אַ רגע אָן אַלעם בײז פאַרגעסן.

װי ס'בענקט זיך נאָכן שטעטל,
נאָכן טײַך,
װאָס האַלט נאָך עפּשער איצט
מײַן װאַרימע יוגנט...

און נאָך דעם אַרומיקן װאַלד,
װאו מײַן אומרו פלעגט זיך װיגן
מיט די צװײַגן;
נאָך די שפּאַצירן אױפן שטילן שאָסײ,
זיך צו באַגעגענען מיט אים,
װאָס איך טראָג נאָך איצט
מיט מײַן שװײַגן.

מאַמע מײַנע!
נאָך דײַנע טױזנט מײַסעלעך,
און דײַנע לידער,
װען דו פלעגסט קרױזן מיר די האָר —
װי ס'בענקען מײַנע גלידער!

נאָך מיין יונגן טאַטן

איך בין געוואקסן
מיט גאָלדענע פארטאָגן.
מיט אָפענע אויגן
פלעג איך קושן דעם טאַטן,
ווען ער פלעגט טילים זאָגן.

זאָגן האָט ער געזאָגט
מיטן גאַנצן הארצן.
יעדן פרימאָרגן די אייגענע דראָשע
פאר זיין הויזגעזינד,
פאר קלאַל ישראָעל —
ער זאָל אים מאַצליאַך זיין
מיט געזונט און פּאַרנאָסע.

זיין געזאַנג פּאָטערלעך,
געטריי און גוט.
זיינע טפילעס
בליען אין מיין בלוט.

2.

אין אייענם אַ טאָג
האָבן זיך ביי אונדז אין הויז

די וועגט געביטן.
דער גאַזלען דער טויט
האָט פון אונדז דעם טאַטן אָפּגעשניטן.

איך הער מיין אינגסטן ברודער
נאָך מיין טאַטן קאַדעש זאָגן.
און דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן
פון מיין מאַמעס יאָמערדיקן קלאָגן.

זי טיינעט און קאַעסט זיך אויף גאָט:
וואָס האָט ער צו אירע שוואַלבן געהאַט,
פאַר איסוימים זיי געמאַכט,
אַ קורבן אויף איר בעים האַמיקדאָש געבראַכט.

זינט דאַן האָבן האַרבסטן געביטן די בלעטער,
פרילינגס אָפּגעבליט —
נאָר מיין מאַמעס טיינעס
אין מיין בלוט
נאָך בליען.

גערדאַנקען

טראַכטן קען קיינער ניט פאַרווערן,
אין געדאַנק קען מען בעשאָלים לעבן
מיט ליבן און מיט בערן,
פאַרמאָגן ווייכע וואָלן און שעפּסן ניט אָפּשערן.

ווי ווינט קען מען זיך אַ טראָג טאָן
אין פאַרצייטיקע פאַרצייטן,
און אַ רעגע שפּעטער אַ פלי טאָן
אין נאָך ניט געוועזענע ווייטן.

מע דאַרף זיך נאָר ניט בייטן
מיטן בעסטן אויסגעקלערטן,
אין אַ פייער ראָד זיך רינגלען
מיט דער וועלט פאַרן באַשערטן.

יאַמים אין געדאַנק ווערמען אַרט זייערע טיפֿן,
צו וועלכן לאַנד מע צילט — גאַנצע קומען די שיפן.
גרונטן צו דערטויכן ווער קען פאַרווערן
אַראָפּ ווי מען שטייט און גייט און אַרויף מיט פּערל.

פון נאַכט זאָל טאָג ווערן, אָדער פאַרקערט,
ווי מע וואָלט באַשטעלט,

איין גוטער קלער
אַנאַנדער פּאָנים קריגט די וועלט.

פאַרוואָס די וואָר
סאמבאטיען שליידערדיק און היים?
פאַר יעדער ריר, פאַר יעדער טראָט פּאָרוים,
ד פרייז פיין, בלוט און פלייש?

איך בין היינט זון

איך בין אויפגעשטאַנען היינט
מיטן טאָג צוגלייך.
די זון האָט אין מיר אריינגעשיינט —
בין איך היינט מיט דער זון גלייך.

דו האָסט צו מיר גערעט רייד,
ווי פון דער גאַנצער וועלט די פרייד
וואָלט מיך ארומגענומען.
ס'האָבן דיינע גלידער מיר דערציילט:
אַז דיין האַרץ האָט מיך פאַרנומען.

צום מאַן פון מיין האַרץ

קום, געליבטער, קום צו מיר,
דער וואַלד האָט פיל בוימער,
ווייסן וואָרצלען, ווייסן צווייגן
דו ביסט בא מיר איינער.

קום, געליבטער, קום צו גיין
עס בייגקען מייגע טישן
פון מאַכאָלים ניט באַרירטע —
דאָס האַרץ עס ווערט צוריסן.
קום צו מיר דו איינציגער,
עס בייגקען מייגע אויגן,
אין מיטן מאַי דאָרשט אַ פעלד,
קום און ברייגג אַ רעגן.

דיר אַנטקעגן

די פאַלדן פון דיין פּאָנים
ציטערן מיט ליבשאַפט
און ריידן אויס
צו מיר דיין האַרץ;
אין דייגע אויגן
זע איך זיך ווי אין שפּיגל
ווי אַ קינד אַ טאַטן
לויפט מיין האַרץ
דיר אַנטקעגן.

אין בײנקשאַפֿט

מעג די זון אין מיטן הימל שטײן,
אָדער גיסן, רעגענען,
בײנקט דאָס האַרץ
אימעצן צו באַגעגענען.

עפּשער אײנעם שױן לאַנג
ניט געזען,
אָדער אַזױנעם
נאָך קײן מאָל ניט געזען.
מעגלאך יענעם פֿון כאָלים,
פֿון די קינדערשע יאָרן,
אָדער עפּשער איז ער
נאָך אין גאַנצן ניט געבאָרן.

מעג עס זונען, האָגלען,
אָדער גיסן אַ רעגן,
זעט דאָס האַרץ
װעמען עס זעען ניט די אױגן.

מיינע כייוועס
(פאַר אַלע וועלכע האָבן מיר געהאָלפן אין נויט)

עס ווייַנט אין מויל בײַ מיר דער ביסן
פאַרוואָס אויף אַזויפיל טיילן האָב איך אים צעריסן,
ווייל עס ווייסן, ווי קען עס זיין געמאָלן,
אַז פאַר הויזגעזינט אַ פאַר כייוועס נאָך צוצאָלן;

די אַלטע קלייד אויף לייב איז אויך אַ באַלן
דורכן פלייש, בײַ ביין צו פרעגן:
עפשער וואָלט זי גאָר נאָך טויגן,
אַ כויוו וואו צו פאַרלייגן,

די שיך קרום און אויסגעבויגן
טיינען און זאָגן וויפל איז דער שיר אונז טראָגן;
איין פאָר פיס אין גאַנצן לעבן
און די באָרוועסקייט איז דיין פאַרמעגן?

די קישן, די גאַרדינען, סטעלע און די ווענט,
קלאָגן, ברעכן מיט די הענט,
פאַר כויוו פאַרזעצט זיך אין שטייג —
קריגט זיך גאָס מיט מיר ווי אַ שלעכטער מאַן מיט ווייב.

און איך דריי זיך אין דעם קריג,
ווי אין שפּינוועב אַ געפֿאַנגן פֿליג,
און דאָס האַרץ וויינט ווי אַ קינד אין אַ וויג,
קלאָגט מיט איעדער אייווער:
שולדיק זיין און ניט קענען באַצאָלן
איז ווי פֿאַר זיך אַליין גראָבן אַ קייווער.

איך געדיינק

איך געדיינק ניט ווי עס האָט אויסגעזען
מיין טאַטע,
נאָר מיין מאַמעס שיינעם פּנים
קען איך ניט פֿאַרגעסן,
אירע אויגן ברונימס צאַר,
ווען זי האָט פֿאַר אונז ניט געגוג קיין עסן.

דעם טאַטנס קאָל קען איך זיך ניט דערמאָנען,
דורך ווייטע יאָרן אין דער פֿרעמד,
זיין קלוגער ווערן אָפּגעפֿרעמט.

נאָר עס ברענט נאָך איצט מיין בלוט,
דער מאַמעס זיפֿצן און געבעט,
ווען זי באַהאַלט אירע דריי טעכטער
אין איין בעט,
איידער די נאָוועבראַנצעס
גייען פֿון שטעטל אַוועק.

איך די איננסטע פון די דריי
בין געווען פארליבט אין גערודער פון דרויסן,
לויפן מיט די ברידער און כאווערטעס,
פון פרעמדע סעדער פרוכטן רייסן.

ערשט אין ליכטיקן באגינען,
פלעגט די מאמע מיר געפינען,
פארן האנט מיך פירן,
דורך פענסטער און טירן,
פלעגן אויגן אונז שטעכן,
ווי פאר עמעסן פארברעכן.

פלעגט מיין הארץ פארקלעמען,
דער מאמען צו פארשעמען,
נאר אירע גוטע אויגן,
פלעגן מיט טרייסט מיך ארומנעמען.

נאך ביז היינט אין ביטערע מינוטן,
אין פינצטערן זיך בויגן,
בליען אויף מיין מאמעס גוטע אויגן,
פאר גאט און מענטשנס וועגן,
ליבשאפט ניט צו וועגן...

מיין פאַרמעגן

אַמאָל פאַלט אויף מיר דאָס לעבן:
ווי אַ שטיינערנער האָגל,
שלאָגט אויס מיינע שויבן,
לאָזט ארויס אויף גאָטס באַראָט,
מיינע טויבן;
אויף זייער צעריקקער —

קוקן אויס פאַרלאָזטע נעסטן מיינע אויגן
אויף מיינע כאָרעוו געוואָרענע פעלדער,
ווערן אויסגעוואַשן די זאַנגען,
עס פאַלן אויס די קי, די שעפסן, די אָקסן,
אין שטורימדיקע יאָמים,
מיט האָב און גוטס מיינע שיפן אונטערגעגאַנגען.

און אַמאָל איז דאָס לעבן
אַ רעגן מיט וויין,
אויף מיינע וועגן —
פון אַלע צייטן די פערל אויף מיר געצויגן,
דאָס האַרץ אין מיר — מיין זונאַלעם אויגן,
דאָס גאַנצע לעבן מיין פאַרמעגן.

אמאָל

אמאָל האָב איך דאָס לעבן
ווי וויסן זייד גענומען,
האָב איינגעוועבט
מיין יוגנט רויטע בלומען.

זיינען ווי אָדלער
געפֿלויגן, די יאָרן,
האָבן זיך געעפֿנט די אויגן,
פֿון רויטן איז גרוי געוואָרן.

איז בלויז מיט בליי דאָס לעבן,
נאָר איך גיב ניט אויף מיין וועבן
פֿון רעגנבויגן קאָליר,
ניי איך א העמד פֿארן לעבן.

מיט דיר

מיט דיר לייגט די באָבע
אירע הענט אויף מיין קאָפּ,
זי ווינשט מיר אַלע בראָכעס,
קלינגען אָפּ פֿון מיין האַרצן עכאָס.

באַם שאַבעס טיש,
באַ געבענשטע ליכט,
מאַכט דער טאַטע קידעש,
און איך טרינק ווייַן ...

מיט דיר איז ליכטיק
באַם קלענסטן שייַן,
עס ווערן מיקואים
מאַמעס טפילעס:
איך ווער זאַט
מיט יאָמעטווודיקע געריכטן.

העפקער

אונזערע באָבעלאַך
האָבן מיט האַרץ און קאָפּ,
די זריע פון אונזער מין
אָפּגעהיט.

אונזערע מאַמעלאַך
מיט קאָשער בלוט זייער מין,
דער שטאָלצער טאַטע —
דער איינציקער באַשערטער מאַן.

אונזערע טעכטער און זין
לעבן אין אנדערע צייטן,
אָן כעשבן זייען
אויף העפקער די בליטן.

איז וואָס קען מען דערוואַרטן ?
וואו וועט אונדזער לעבן בלייבן,
אין מידבאָר פאַרדאַרטן,
אָן האָפענונג אויף רעגן.

קען מען בא זין און טעכטער
יאָ און ניט פרעגן,
זיי האָקן אונז אויס מיט די וואָרצלען,
און זעגן אונדז אונטער אָן זעגן.

מיינע פולע הענט

אַמאָל בין איך יונג
אזוי ווי מיין קינד.
אין געזאַלצענע ווינטן,
באַם אָטעם פון יאַם ;
אין פּאָנים פון ברענענדיקער זון,
ווי מיין קינד אין זאַמד —
בוי איך מיר א וועלט.

אמאָל בין איך אַלט
אזוי ווי אַ וואלד:
געוואָרצעלט מיט לעבן,
געצווייגט מיט דער וועלט,
מיט בליענדיקע פעלדער
מיט ערשט געבאָרענע קינדער —
זיינען פול מיינע הענט.

אַ טראָפּן אין יאַם

אַ מאַטאַנע די דיכטערן אסתר שומיאַטשער.

יעדן טאָג
שנייד איך איבער די אָדערן,
וואָס האלטן מיך פארקניפּט
מיט טויזענטער קלייניקייטן.

ווי אַ טייך אין אַ יאַם
גים איך מיך אריין
אין צעכוואַליעטן לעבן.

איך וואויל צו זיין
אַ טראָפּן אין יאַם,
וואו שטאָלענע שיפן
זעגלען צו נייע וועלטן.

מיינע האָר

הויבן מיינע האָר
אין זילבער אָן צו גלאַנצן —
הויבן שעה'ן, טעג און יאָרן
אין מיין זיקאָרן
אָן צו טאַנצן,
וואָס זיינען פייל־און־בויגן,
זינלאָזע
פאַרפלויגן.

טוט מיין אָפּ
אין ווייסן שניי זיך אָן ;
זאָגט יעדער האָר מיר אָן :
אַז די שאָ אין פולער רו
נענטערט זיך צו מיר שוין צו...

איך ווייס

לואיען

איך ווייס,
דו קענסט מיר שוין גאָר ניט זאָגן:
דורך די קנייטשן פון דיין פּאָנים
ווייס איך, וואָס אין דיין הארצן
פארבאָרגן.

דורך די בלויע רויכן
פון דיינע פּאפּיראָסן
ווייס איך
דיינע פריידן,
דיינע זאָרגן,
דיינע פארדראָסן.

דורך דיין זיצן באַם טיש,
דיין האַלטן די לעפל
און שלינגען דעם ביסן —
ווערן די סוידעס פון אונטער דיינע נעגל
פאר מיר אויפגעשלאָסן.

צאָר לידער

איך רייס קריע

(אויפן קייווער פון דעם אומפארגעסלעכן דר. חיים זשיטלאָווסקי)

איך בין היינט ווי די ערד
ארום אויפגעגראָבענעם קייווער,
פאר אלע פון אונדז אויסגעריסן
רייס איך קריע מיט מיין יעדן אייווער.

מיינע אויגן מיט כיישעך און בלוט אָנגעגאָסן,
אין טיפן פיין אין קריע רייסן —
ווי די זון וואָלט זיך אויסגעלאָשן.

אומעטום יאָמערדיקע קלאַנגען
אין יאַם פון ניט אויסגעוויינטע טרערן —
אונדזערע שיפן אונטערגעגאַנגען.

געקוילעטע הימלען אין טאָלן געפאלן,
האָט גאָט זיך אויסגעצויגן,
פארלאָשן די אויגן —
און מיר — איבער אים געבויגן.

ועמעס וואָרט וועט אונז טרייסטן
ווער וועט אונדז בענטשן ?
רייסט מיין האַרץ קריע
פאר גאָט און פאר מענטשן !

איך בין היינט ווי די ערד
ביים אויפגעגראָבענעם קייווער.

אין טיפן צער

צו וועמען ווענדן זיך אין טיפן צער
ווען ווי אַ פאַרלאָזן בוים אין וויסטן פעלד?
לעבן עלענט מיר דאָס לעבן אויסן,
און גראָדע די וואָס האָבן מיט זיך אויצרעס געבראַכט
זייַנען ברייטע וועגן אייַנג
און טיר צוגעמאַכט.
קע מען דאָך פון זיך ניט ארויס
און אין דער פרעמד אַריין,
קראַנקע קינדער, לעבן מיר,
— אַ לעבן לאַנג אין פּיין.

לידער

אויף יעדן טראָט
לויערן אויף אונז געפאַרן,
וויל איך, הארץ מיינס, אַמאָל דיך נאַרן —
זאָל עס דיר ניט אַרן.

טרייסט איך זיך, עס וועט פירן
אַלץ צום גוטן,

ווילן מיינע גלידער ניט לײדן, —
ווײנען און קילן אַף די בלוטן.

קריג איך זיך ווי מיט ברידער,
מיט הארץ, מיט אייגענע גלידער,
קומען צו הילף מיר די לידער,
זינגען אריבער געפארן,
מיט לידער וואָס קומען פון הארצן
ועסטו זיך און קיינעם ניט נארן.

ז י

ערד שווארץ גייט זי אום,
ניט ריידנדיק, ניט שטום;
פעך קלעפּיק איז איר טראָט,
ווײנט זי אויס דעם שפּאָט.
אליין קען זי ניט דערגיין:
דעם קוואַל פון איר געוויין.
נאָר זי הערט דורכ'ן ווינט
עם קלאָגט צו איר איר קינד:
מאַמע, זעסט, ווי עס ברענט,
איך האָב קיין פּים און האָב קיין הענט,
מיינע בריסט אָפּגעריסן,
מיין הארץ די חיה האָט אויסגעביסן,
מיין שיינער קאָפּ א שווארצער פלעק,

מיינע ביינער פון קאַלאַסאַלער שרעק.
אַט אזוי גייט זי אום,
ניט ריידנדיק, ניט שטום,
טאָג און נאַכט אין פייער ברענט,
און באַ די פלאַמען פון דיין אייגן האַרץ, וואַרעמט זי די הענט...

אין דער קראַנקער צייט

אַז דו ביסט זיך אין דער קראַנקער צייט,
מיט דיינע ציין אין אייגן לייב,
ווי אַ קרעציקער, וואָס קראַצט זיין וואונד ביז בלוט,
הערסט דעם קול פון בלוט —
ווי דאָס געוויין פון אַ קראַנקן קינד אין נאַכט אריין.
אַלץ גייט אויף אין דיר,
ווי אָנגעגליטע אייזן אין אַ גלוט,
לאָזסטו זיך אין העפקוירעס אריין;
ווי אַ פארכאַלעשטער שיקער אין אַ שיינק,
טרינקסטו אַלץ, וואָס קומט דיר נאָר צום האַנט,
מעג עס זיין אפילו סאַם, האָט עס אויך פאַר דיר אַ טאַם.
דאָס לעבן דיינס —
ווי אַ מידע גאַסן־פרוי וואַלגערט זיך פאַר דיינע פיס.
קומען ווילדע הינט,
רייסן שטיקער פון אראָפּגעהאַנגען לייב;
בלייבסטו אַ ביינערדיקער גאָר,
ווי דער, וואָס ליגט אין דער ערד

ווער ווייסט שוין וויפיל יאָר ;
מיט ביינערדיקע הענט רייסטו אויף די ערד,
ווי אַ יונגער קריגער דעם שיינעם האַרץ
מיט בלאַנקען שווערד.
דאָס בלוט גייט אָפּ אין מויל פון אָפּן ערד,
דו ווייסט ניט, ווי אַזוי דו ביסט אויך טיף אין איר,
וואַרפסט זיך, ווי אַ צעהאַקטע שלאַנג
זוכסט אַ טיר אַרויס,
לאָזט אַ שטורם זיך אַראָפּ
מיט אַ צונעקלעמטן פויסט,
זעצט אויס פון דר׳ערד די ציין,
די בלוטיקע צונג שפּייט העלפּט פון דיר אַרויס,
כאַפּן דיך אויף די אָרעמס פון די ווינטן ;
טראָגן דיך יאָרן לאַנגע אַוועק.
דאָס אַנדערע העלפּט אין שרעק,
מאָנט, בייסט
די קלאַמערן
פון ברענענדיקן לייב
אין דר׳ערד.

די שליטע איבער מיר

אַז די זון ווערט צו הייס,
זוך איך מיר אָפּ אַ שאָטן.
גיב איר ניט די אויבערהאַנט
מיך צו ברענען און בראָטן.

אַז דער יאַם איז צו טיף,
גיי איך נאָך מיינע קויבעס
אין זיינע ברעגן.

ווער האָט מיך געשאַפן פאַר אַ פעלד,
און דיך פאַר אַ זון מיט אַ רעגן...
איך טרינק זיך און איך פלאַם אין דיר,
ווי די וואָרצלען פון מיין שטאַם
האָסטו די שליטע איבער מיר.

אין פאַרנאַכט

אין פאַרנאַכט פון מיין לעבן
וויל איך ביי דער זון פאַרנעמען ס'לעצטע פייער.
מיט זייד פון מיין זיין באַוועבן,
וואָס נאָך מיר וועט בלייבן ליב און טייער.

אַז צאַר וועט די לעצטע סימאָנים צעגליען,
דאָס לעבן וועט פאַרגיין ווי זון צעהעלט. — —
וועל איך אויף אַ קנויל פאַרוויקלען די פאַנטאַזיעס,
וואָס האָט געדענגנבויגנט מיין וועלט.

זאָל מיין אָוועגט זיין אַ באַלויכטענער זאַל,
מיט פּאָרלעך צום טאַקט פון מוזיק,
הין־און־צוריק מיין לעצטן אָטעמצוק,
וועל איך מיט דיר בלייבן אויף דו.
וועל איך בענטשן דעם שטורם וואָס וועט מיר ברענגען די רו.

אין טיפן צאַר

אַז דו צעוויינסט זיך, מיין קינד,
און טוליעסט זיך צו מיר —
צעוויינט זיך מיין נישאָמע
טיפער אין מיר.

זיינען עס כאַראָטע־טרערן
פאַר מיין זינד,
וואָס איך האָב צום לעבן
דיך געבראַכט, מיין קינד.

אומזיסט, מיין קינד,
דיין זוכן שוץ ביי מיר —
איך בין אליין
שוצלאָזער פון דיר.

אין מיטן נאַכט

עס האָט אימיצער אין מיטן נאַכט
אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר:
דאָס האָט דער ווינט געבראַכט,
ברומענדיק, אַ קאַלטע קינד צו מיר.
פון אַ סלופּ האָט ער עס אַפּגעריסן;
טאַטע־מאַמע זיינען ערגעץ וואו פאַרשמיסן,
פאַר צאַר האָב איך מיין האַרץ געביסן...
האָב מיין האַרץ געקייט, געקייט,
מיט גאַל דער נאַכט אין פּאָנים אָנגעשפּייט...
אויסגעשפּייט די גאַל פון מיר,
האָב איך אויפגעעפנט ברייט די טיר;
זיך איבערגעבן נאַכט און ווינט,
טראָג מיך, ווי דאָס קינד,
וואָס דו האָסט פון סלופּ אַראָפּגענומען.
איך וועל דיר, ווינט, העלפן ברומען.
און וועל מיין האַרץ בייסן, בייסן...

צאַר לידער

אַ מאַטאָנע ש. גאָלובין

וואו נעמט מען קויעך
ארויף אויף די בערג פון פיין;
און זויבע זיין זען
אז אזוי וועט אייביק ניט זיין?

וואָרט איז געקוילעט,
טאַט איז בלוט,
ווי האַלט מען זיך אָן
אָן די בריטווע פון מוט.

דאָס לעבן איז שטיין,
די ערד הייסער בליי,
פארלאָז מיך ניט זעאונג !
אויך דאָס וועט פארביי.

וואָס מער עס ציען די טאָלן
ארונטער מיין גוף,
ציט זיך מיין איך
אלץ העכער ארויף.

ארויף, ארויף
ביז ליכטיק וועט זיין,
זויכע זיין זען :
אזוי ווי עס איז,
וועט אייביק ניט זיין.

* * *

וויי צו מיין וועלט
אין סאמע מאי־רעגן

איז טרוקן געבליבן
מיין פעלד.

שווארצע טעג,
קרומע ברעגן פון מיינע יאָרן,
אין מיטן זומער
זיינען מיינעביימער אויסגעפראָרן.

בעט איך ניט פאר היים,
פאר קלייד, פאַר שפּייז —
נאָר פאר א ליבשאַפט אזא
זאָל צעשמעלצן דעם אייז.

פאַרשניטן לעבן

איך בין געשטאַנען אין צימער,
וואו עס האָבן שווארצע פליגל
צעשפּרייט דעם טויט.
מיט טעמפּן מעסער האָט דער טויט
אָפּגעשניטן דאָס לעבן פון מיינעם אן איינענעם.
די לעצטע ווערטער, וואָס זיינען אויף די טויטע ליפּן
פארגליווערט געוואָרן זיינען אין מיין בלוט אריין
ווי גיפט.
דער טויט האָט מיטגעשניטן מיין איינן לעבן.
בלאָנדזשע איך ארום מיט א פארשניטן לעבן.

שלאָף איך ניט קיין גאַנצן שלאָף.
זינג איך ניט קיין גאַנצע לידער.
לעב איך ניט קיין גאַנצן לעבן.

איך ווייס

איך ווייס עס איז ניט רעכט אַצינד
פאַר אייגן הויזגעזינט זיך קלעמען,
ווען איינג אין שטורעמדיקן יאַם
פלאַטערדיקע פלאַמען.

מעגן מיינע אויגן זיך שעמען,
פאַר אייגן קינד פאַרגיסן טייכן טרערן,
ווען דער גאַנצער מענטשליכער מין
האַלט אָפּגעווישט צו ווערן.

ווי זאָל איך, האַרץ מיינע, דיר פאַרווערן,
זאָלסט זיך אַנדערשן, זיך בייטן,
ווען קינד ליגט ווי ברעט, קען ניט אָטעמען,
שטאַרב איך מיט מיט אַלע טויטן.

געקוילעטע כאַלומעס

איך בין דער אָרעמער מאַלצייט
אויף מיין טיש,

דאָס לעבן שלינגט מיך
בים נאָך בים.

ווי אין אַ זיידן קלייד אַ ריס
מיינע געדאַנקען,
דאָס לעבן טרינקט מיך
ווי יאָמטעוודיקע געטראַנקען.

ווי אַלע פרילינגס
וואָס בליען אָפּ און ווערן ניט,
ווילדע פויגל מיינע יאָרן
פליט מיין לעבן מיט.

מיינע געקוילעטע באַלוימעס
האָבן פארבלוטיקט מיין וואָר,
איך בין אַ אונטערגעגאַנגענע שיף
אין פיין פון מיין דאָר.

וואו פירסטו מיך?

וואו פירסטו מיך, לעבן, וואו?
און גיסט מיר אין ערגעץ קיין רו.

אַט הייבסטו מיך אויף ערגעץ אויבן,
און פילסט אָן מיין לעבן מיט גלויבן.

אַט וואַרפסטו מיך צוריק אין טאָל,
ווערט איינג מיין לעבן און שמאָל.

וואו פירסטו מיך, לעבן, וואו
איז אין ערגעץ ניטאָ גאָר קיין רו?

מיטן שטראָם

איך יאָג מיטן שטראָם,
עס טראָגט מיך די צייט.
אזוי זעט עס אוים
פאר גאָט און פאר לייט.

נאָר דו, מיין הארץ,
מיט ווינט אַ צווילינג באַשערט,
פון אַלע קליינקייטן ווייט,
ווי הימל פון ערד.

ווי זון וואָס ברענט,
און רעגנט מיט ליכט,
דורך וואָלקן געדיכט
מיין הארץ אויפגעריכט.

באַ ווינקלען און וואָרצלען
אָקערסט און פאָרשט —

מיין ברענענדיקע אומרו,
מיין ניט־געלאָשענער דאָרשט.

מיין גורל

איך בין געאָדערט מיט מיין שטאַם
מיט כאָלעם און דראַטיקער וואָר,
לעב באַם ברעג פון יאַם
און בין עלנט ווי אין אַ מידבאָר.

איך אָטעם מיט זאַלץ און בענטש
אַלץ פון אויפגעגאַנגענעם מין,
און קוש די טריט פון נייער וועלט,
פאַרוואָס האָסטו, זון,
פאַר מיר דיין פּאָנים פאַרשטעלט?

מיין שטוב אַ געצעלט,
די ווענט, לעבער מיט לעבער,
מיין פלינגלדיקער דאַך,
פון די זיבן הימלען העכער.

נאָר איך טרינק מיין גורל
ווי סאָקראַטעס זיין בעכער.

מיין צאַר

מיין צאַר
איז ווי אַ ווינטער פעלד,
איינגעדעקט אין קלאָרן שניי,
און איך, אַ פּאָר טויזענט יאָר אַלט,
טוליע זיך צום פעלד.

מיין האַרץ איז מיר געטריי,
קלאַפּט מיט טיפקייט פון מיין שטאַם,
מיינע גלידער, מיינע קינדער,
פאַרברידערן מיך מיט דער וועלט,
מיט יעדן פרילינג בלי איך פון דאָס ניי.

דאָס ניט אָנגעשריבענע ליד

אַזוי פיל לידער אָנגעשריבן
נאָר דאָס ליד פון האַרצן איז געבליבן
ניט אָנגעשריבן.

האָב ווערטער געפירט,
שורעס געפּרוּווט,
און ניט געטראָפן.

פייערן האָבן געברענט,
וואסערן זיינען געלאָפן,
פארלאָפן, טעג ניט געטאָגט,
נעכט ניט געשלאָפן.
אזוי פיל לידער אָנגעשריבן
נאָר דאָס ליד אין הארצן איז געבליבן.

אַז דו ביסט ניטאָ

אַז דו ביסט ניטאָ,
איז מיין הארץ ניטאָ,
אַז מיין הארץ איז ניטאָ,
איז די זון ניטאָ.
אַז די זון איז ניטאָ.
איז די ערד ניטאָ.
אַז די ערד איז ניטאָ,
איז קיין בלום און קיין פויגל ניטאָ,
זיינען קיין יאַמים
און מידבאָריעס ניטאָ.
אויב איך אָטעם נאָך
איז דערווייל זיבעטער הימל
נאָך דאָ...

קריוודעס

עלעלדיקע נעכט
ליינגער ווי גאָלעס
אויף ציכטיקע געלעגערס,
צוויי שוועסטער פון דאַלעס.

ווײנען אוים די אויגן,
באַזונדער און צעזאמען,
ניט קיין צווילינג אין יאָרן,
ניט געבאָרן פון איין מאַמען.

אין גלידער וואָס דאַרן,
וואָס מאָנען באַ שטיפ־לעבן,
וואָס וויל ניט הערן,
און הערט ניט אויף נאַרן;

אַן האָפענונג אויף מעזינקעס
אָדער בכאָרן.
ווער האָט דאָס לעבן אונטערגעשניטן:
אין וואַרעמע בעטן זאָל מען ווערן פאַרפראָרן?

וואַקסן

מיין לעבן האָט זיך אויפגעלייגט,
ווי פראָסט אויף פארזייטן פעלד.
דאָך רייסן זיך מיינע שפּראָצונגען
צו וואַרימער, ליכטיקער וועלט.

וואָלט מיין מאַמע געוואוסט
ווי פארשטערט
עס וועלן זיין מיינע טעג און יאָרן —
וואָלט זי מויכל געווען די שאָ
פון מיין געבאָרן.

ווען מיינע באָבעס וואָלטן באַגריפן,
וואָס פון מיר וועט ווערן, —
וואָלטן זיי מיך דערטרונקען
באַ מיין געבאָרן ווערן.

וואו

פרץ הירשביינ׳ען

וואוהין ציען די וועגן
פון טויזענט יאריקע וואַנדערער?
וואו זאָלן הויכן
טויזענט יאריקע שטיינער?

וואו וועט רוען
טויזענט יאריקע אומרו ?
וואו ווארט די טרייסט
פאר טויזענט יאריקע אוויילים ?
וואו איז ליכט
פאר טויזענט יאָריקן כווישאך ?
וואו זיינען מיר
טויזענטער יאריקע ? ? ?

אמאָל

אמאָל איז מיין הארץ
ווי א קינד,
ווען די מאַמע גייט אוועק אויף לאַנג.

אמאָל איז מיין הארץ
ווי א טויב מיט צעבראָכענע פליגל ;
קען די שוועל פון נעסט ניט אריבערפליען.

און אמאָל איז מיין הארץ א שיף,
וואָגלט אין שטורימדיקן לעבן,
ווי די וועלט וואָלט ניט האָבן קיין ברעגן.

מיין הויט

וועמען זאָל איך דאַנקען
פאַר דער הויט,
וואָס וויקלט זיך אויף מיינע ביינער,
אַז איך זאָל קענען אין מיר מיין אומרו האַלטן,
עס זאָל ניט זען יעדער איינער?

ווען עס טריפט פון האַרץ דאָס בלוט
און עס בליען מיינע וואונדן —
האַלט די פאַרהאַרטעוועטע הויט
מיינע אָדערן געבונדן.

ווען עס צינדט זיך אָן אין מיר
פון דאָס מייניקע דער צאַר,
ווי אין זשאַר בלויע פלאַמען —
האַלט עס מיינע יאָמערדיקע גלידער
אין מיר צוזאַמען.

ס'וואָלט געקענט מיין שטומער צאַר
ערד צעשטויבן, הימלען צינדן —
איך האַלט דעם טרויער פון מיין דאָר
אין מיינע הויטן ענג געבונדן.

מיין ניט געלעבטער לעבן

מיין ניט געלעבטער לעבן
האַלט מיין קאָפּ אַראָפּ,
מיין יעדער איינס אַרויף
צוויי, דריי אַראָפּ.

עס האַלט מיך בײַ די צעפּ
און שפּייט אויף מיר מיט סאַם,
טראָגט מיך ווי אַ ברעט
אין אַ שטורימדיקן יאַם.

איז מיר פרעמד גרענעץ אָדער צאַם,
בײַ וועלכן לאַנד עס שלאָגן מיינע ברעגן,
צוזאַמען מיטן יאַם טרינקען מיך די וואָלקענס,
פאַר אַ שטורעמדיקן רעגן.

זילבערנע טראָפּנס אין שווערן האָגל,
מיינע טעג און מיינע יאָרן,
פאַלט צו די וואָרצלען,
צו רייפן ווייץ און קאָרן.

האַרבסט

האַרבסט
ווי מיין באַבאַלע מיט פולע אויגן,
וואַרפט אויף מיר אַן אָטעם.

וועלדער
געקאַרטשעט און געבויגן,
פול מיט ברוין רויטע בלעטער
זומערס טאַרע ברעטער.

פעלדער
מיט ברוסטן איינגעצויגן,
מיט ליידיקע בייכער און רויטע אויגן,
ווי זקיינעס צו דער לעווייע פון אַ גוטן אידן,
באַקלאָגן זייערע אויסגעלעבטע יאָרן.

זומער מיט די פיס צום טיר געצויגן
וואַרט אויפן לעצטן קאַוועד,
וואָלקענס וויינען אויס די הערצער
צוקאַפּנס באַם טויטן זומער.

בעסער זאָל זיין

ביטריס דעגלין

די נויט איז אַ יאַם,
און איך בין אַ שיף —
צאַר קאַפּיטאַן,
ציט אין דער טיף.

די טיפן אָן גרונטן,
די כוואַליעס אָן ברעגן,
רייסן שטיקער
פון לעצטן פאַרמעגן.

בין איך אַ צווילינג
מיט שטורם און בליי,
מיט בראָכע אויף די ליפּן:
אויך דאָס וועט פאַרביי.

גלויב אין דעם טאָג,
און בעט פאַר דער שאָ,
אַז בעסער זאָל זיין
אויך וואו מיר זיינען דאָ.

אויך אזוי

וואו איך גיי,
און וואו איך שטיי,
טוט מיין עלענט
אויך אזוי.

וואָס איך אַקער,
וואו איך זיי,
טוט מיין אומעט
אויך אזוי.

ווי אויף בערג
דער קאַלטער שניי,
ווי אין מידבאר זאמדגעדריי —
מיין בענקשאפט אויך אזוי.

ווער קען אויסמעסטן אַ יאָם

ווער קען אויסמעסטן אַ יאָם
און ניט ווערן אַלט און גרוי?

ווער קען פארנעמען דעם צאַר
און ניט ווערן קאַלט און בלוי?

ווען אַ מאַמע שטייט צוקאָפּנס
באַם קינד וואָס קען ניט אָטעמען —
אפילע אַ מידבאָר
האָט ניט פאַרן בלויען פויגל קיין לופט.

ווען גויסעסער קינד רופט,
מעג די זון דערטרונקען ווערן אין יאַם —
וועט מען אין כוישעך דערזען
ווי פאַר אַ מאַמען ווערט דער טויט גערזאַם.

וואָס איז און דאַרף ניט זיין

אמאָל אין א יוויוועל,
צו אין א יאָר,
געלינגט מיר נאָר
אין ווילדע וועלדער
צו פאַריאָגן
מיין פאַרמעגן,
דעם בייסעדיקן פיין,
ביטער לעבן יאָמים טרערן,
וואָס איז און דאַרף ניט זיין.

צובליט די פרייד,
פרילינגס ערשטע גרינע גראָז,
פאַרן דאָרשטקלאָרער וואַסער אין א גלאָז,
פון פולן קרוג,
א קלוגע רעגע צו א טאָג,
טרינק איך מיט די אויגן מיטן אָטעם צוג,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און א ווייסע ציג.
און ווידער שטורימט שניי.
בייזער וויגטן בלאָז,
שענער אָדער קינדער טראָט,
מערער וואַקסט שוין ניט דאָס גראָז.
צווילינג איך מיט פיין,
וואָס איז און דאַרף ניט זיין.

דאן די האָפענונג
געוואָרצלט אַלטער בוים,
באַ פרעמדן צו בא אייגן הויז,
צעבליטע בלומען אין וואונדערלאך קאָליר,
רעדט מיין הארץ אין מיר:
אַזוי אזוי מיין קינד,
מעג עס קלינגן ווילד,
איז עס געווען און וועט אויך בלייבן שפּעטער,
די שענסטע בלום
צו לאָזט עס אויפן צווייג צו רייסט עס אָפּ
עס צופאלן זיך די בלעטער.

מיין לעבן ווי די זון
אין רונד ארומעדיקן קעלט,
נאָר מערער ווי די זון
מיין וועלט מיין פּיין,
פאר דאָס וואָס איז און דארף ניט זיין.

פון דאָרטן און דאַנעט

פון דאָרטן און דאַנען

מיינע ערשטע יאָרן אויף יענער זייט יאַם,
אין אַ ליטווישע שטעטעלע מיט וועלדער
און טייכן ארום,
אין אַ מישפּאָכע אָרים און פרום
געוואָרצלט מיין שטאַם.

עס איז אַלט און אייביק ניי —
יוגנט איז פייער, פייער און פלאַם,
ברענען פאַרלאַנגען,
מען לייענט אין ביכער די וועלט ווערט געראַם.

רייסט זיך דאָס לעבן פון קייט, פון שטריק,
אויף וועלטס געאָדערטע וועגן אָן אַ צעריק,
יאָגט נאָך פּאָליציי און כאַפּט אין פּלען,
איז יעדער זי, אַ שוועסטער, אַ כאַווער יעדער מאַן.

גאַנוועט מען גרענעץ פלינקער פון באַן,
אין שטאָלענע שיפן מען דערלאַנגט זיך דעם יאַם,
צו אַ לאַנד פון באַגריפן, פון ווייסע קאָנווערטן
מיט רויטע טריוואַקס באַטריפן.

נאָך פיר און צוואַנציק מאָל פיר און צוואַנציק שאָ,
וואַסער און הימל הימל און וואַסער,
קומען אַנקעגן מויערן הויכע און אַ נידעריקער ברודער,
אַ ריוועדיקער, אַ דאַרער, ליוואָנע בלאַסער.

און עלטערע שוועסטער, מיט גאָלדענע ציין,
מיט קאָלירטע קליידער און זיידענע זאָקן,
מיט עטלעכע קינדער און פעטערס און מומעס,
קילן זיך אין קאַלטע קושן אַף רויטע באַקן.

באַם מאַלצייט געווירצטן, באַם מאַלצייט געשמאַקן,
שיטן זיך רייד פון אַלע זייטן:
די קליידער די האָר, די זיטן די זייטן —
ניי לאַנד פאַרלאַנגט איבערצובייטן.

פאַרזעצונג זייט 115

כאַנע דערציילט

כאַנע דערציילט, זי וויינט און זי לאַכט,
זי האָט געטראַכט און דאָס לעבן האָט חויזיק געמאַכט.

טרויער און פרייד בליצן פון די אויגן,
ווי זיי וואָלטן נאָך אייגענעם לעבן סאַדעש זאָגן.

צווישן זיבן איז זי די עלטסטע קינד,
מיט לאַנגע פינגער ווי זאַנגען אין ווינט.

וואו נאָר אַ שטורם, אַ געוויטער אין וואַלד,
באַלד אירע פינגער מיט יונג און מיט אַלט.

נאָך ביימער, צווייגן, פויגל געזאַנג
לויפט נאָך איר האַרץ און כאַפּט דעם געדאַנק.

ווי זייד מיט זייד זי קען עס פאַרוועבן,
מיט טענער און קלאַנגען געוועבט איז איר לעבן.

נאָר טאַטע איז פאַרדאַיגעט, די מאַמע האָט האַרץ פעלער,
צעלייגט זי איר לעבן אַף ליידיקע טעלער.

געוועזן אינגאַנצן שטעטל איינאיינציקער קלאַוויר
באַ גרעסטן גוויר, האָט זיין טאָכטער געשפּילט אַף איר.

טענער ווי פלעקער, נאַטן קאַפּויר,
ווי דראַטן מיט דראַטן עם גרילצט איר אין אויער.

זי האָט געלייענט פון נאַטן און סימפאָניעס,
און דאָס האַרץ האָט געבליט מיט אַלערליי קאַוואַנעס.

זינט זי האָט זיך דערוואוסט פון מוזיק און זינגער,
רייסן פון איר שטיקער די לאַנגע פינגער.

איז פרילינג דורך פענסטער, פרילינג דורך טיר,
רונדער יאָר שלעפּט פאַר די האָר צו שפּילן קלאַוויר.

און זי וואַשט גאָר געפעס און פראַלט גרעט אין טייך,
און מאַכט בעשבן און טראַכט: ווען זי זאָל זיין רייך;

וואָס וואָלט זי געטאָן, וואָס וואָלט דעמאָלט געווען?
עפּשער וואָלט זי גאָר א פּאַדערעווסקי געווען?

די זון פאַרגייט ווי מ'וואָלט אין אויוון איבערהייצן,
ווי אויף צעלאַכעס מיט אירע פינגער זיך צערייצן.

און דער טייך איז קלאָר, איז ווייט און איז טיף.
ווי גוט וואָלט זיין אוועק מיטן שטראָם ווי דאָס זייף!

אין נאָענטע הויפן בילן הינט און עס העלט ליוואָנע,
פעלדער און וועלדער, הימל און ערד, שפּילן סימפאָניע.

אונטער דער מאַסע פון ריינער גרעט אין באַנאַכטיקן פּראַכט,
זי וויינט און זי לאַכט — אַליין אַ שטיק זון אין דער נאַכט.

און טריט פירן און ברענגען צו אייגענער טיר,
פון שוועל און פון הויז גיט אַ ריס אַנאַנדער קלאַוויר.

דער טאַטע איז פאַרכווישעכט, די מאַמע לעצטן פלאַם ברענט —
דעם מיזבייעך פון נויט זי דערלאַנגט אירע הענט.

ראַמט, נייט, רוקט אונטער דער מאַמען דעם קישן,
טיילט שטיקער פון זיך מיט די קינדער דעם ביסן.

וואַלט די צייט מיסטאָמע צעקייט און דערשלונגען,
האָבן זיך דורך בריוו פאַרשפּרייט שמעקעדיקע קלאַנגען:

גאַנצע אידישע שטעטלאַך אין וועג אריין גייען,
ווי פון אַ געוואונענער מילכאָמע אידן ארמייען.

לעגענדעס דערפרייען פון אַ לאַנד אויוּוער לעיאַם,
פאַלט פון הימל ברויט און לאַפּעטעס שאַרט מען מאַן.

פארלאָזט מען פארמיעסטן מארק און ווינט,
צי דער טאַטע דער עלטסטער, צי דאָס עלטסטע קינד?

און ווער עס קען מיטן גאַנצן הויז־געזינד,
אויך זי געזעגנט זיך מיטן טייך און ווינט.

און די נויט בילט נאָך אויף צעשטורעמטן ים באראט,
צווישן הימל און וואסער מיט דערוואַרטונג זי גליט און בראָט.

זי האָט געהערט מענטשן אין יענעם לאַנד זיינען בעסער און
איינגער,
אין די גאַסן שטייען קלאַווירן פאר אירע בענקענדיקע פינגער.

בליען האָפענונגען קאָלירטער פון רעגנבויגן:
שאָפענען, בעטהאָווענען וועט זי נאָך איבערשטייגן?

האָט דאָס האַרץ ווי דער יאַם געשטורעמט און די שיף
האָט געבראַכט;
ניי־לאַנד האָט אין די אָרעמס גענומען און כוויזיק געמאַכט.

מיט די אַקסלען צעצוקן, ווי שיידים פאבריקן מיט בלוטיקע
ציינגער,
מאַשינען אַרונטער פון זינען זויגן אויס דאָס לעבן דורך פינגער.

אין איין סימפאָניע מיט מאַכנעם שוועסטער און ברידער,
וואַקט מען זיך קעסיידער אין רעגן אין געוויטער פון קליידער.

פאַרוואָס? צוליב וואָס? פאַר וועמען אַזוינע בערג מיט קליידער
וויינען ווי קראַנקע קינדער דורך די נעכט די פינגער.

אין כאָלעם שטעט, פעלדער און וועלדער איר שפּילן,
טענער און קלאַנגען מאָנען, בעטן, ברענען און קילן.

זי גייט צו קאָנצערטן, טרינקט, שלינגט קלאַנגען;
ליינט קלאַפּטער אין יאַמים פון ברענענדיקע באַנגען.

פאַרשפּילט די קלאַווירן, פאַרשליידערט די רו;
אַ ניט געענדיקטע סימפאָניע, כאַנע, דאָס ביסטו?

אין געוויטער פון קליידער, אין פליענדיקע נעט,
פאַרשפּילט דאָס לעבן אין צי פון אַ פלעט.

צעקלינגט זיך אַ זייגער, ער שרייט: שוין שפּעט,
ווי קומט זי אַהער מיט אַ טייך מיט גרעט?

מיט פידלען וואָס גלעטן אין מיטן אַ גאַס —
אַן אויג פאַר אַן אויג זי מאָנט מיט איר קלאַס.

יעדער סטרייק איר סטרייק! דער זינג ווי טייער,
זי איז איבערגעבראָכן איר קלאַס צושטייער.

אינגער, גרינגער, פלינקער פליען די פינגער,
דער קאַמף איר קלאַוויר באַשאַס —
דער נייער סימפאָניע פון ארבעטער קלאַס.

מישפּאָכע לידער

מײַנע באָבעלעך האָבן אַוואָדע ניט געטראַכט,
אַז אין ווײַטע, אומרואיקע נעכט,
וועט זיך אין מיר צעזינגען זייער ניגון.
זייערע גוטע פּענימער וועלן זיך מיר שטעלן

פאַר די אויגן,
און פון זייערע צעקנייטשטע גלידער —
זאָלן דורך מיר זיך וועבן לידער.

עס וואָלט מײַן יונגע מאַמע
האַרציק זיך צעלאַכט,
און צום עמעס זיך צענאָסן:
איך, אַ ניט־געדאַרפטע,
זאָל זי גאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן.
פון איר ליבשאַפט אין די טפילעס פון איר סידער
זאָל אין ווײַטע טעג
אין מיר זיך וועבן לידער.

ווען מ'זאָל מײַן גוטן טאַטן
פון קייווער אויפוועקן —
וואָלט ער זיך אויף טויט דערשראָקן.
איך, וואָס ווייס אפילע ניט וואו עס ליגן

זיינע ביינער, זיינע גלידער —
זאָל באַזינגען אים
אין שורעם און אין לידער.

מיינע שוועסטער, מיינע ברידער,
מיינע פעטערס און מומעס;
מיין שיינע, אָרימע מישפּאָכע,
וואָלטן מיך געשאָלטן, צי געגעבן
זייער בראָכע.

זיי, דאָס בלוט אין מיינע גלידער,
לאָזן מיר ניט רוען, לאָזן מיר ניט לעבן —
איך זאָל זיי דעם אויבן־אָן
אין מיינע לידער געבן.

אין אַ צימערל אין איינגן מיט געבלומטע טאַפּעטן,
מיט נאָך דריי מיידלאַך אין צוויי מעשענע בעטן,
טעג ווי יאָרן, ווי אין פאַדראַטן, אין פּראַצע,
באַקט מען אין פאַבריקן קליידער, ווי אין שטעטל מאַצע.

די אָוונטן מידע פרעמד ווי די ווענט,
אַט זיינען זיי דאָ און בלייבן ניט פון די הענט,
ווײנט דאָס האַרץ און די אויגן בלייבן טרוקן:
ווי דאָס דאָלערן לאַנד, צעטרעטן צעדריקן.

ווען שלאָף גיסט אין מידע גלידער דעם ווײן,
צעקלינגט זיך, דער קלינג-זייגער דער ראָשע,
ווי אַ וואַלד וואָלט געברענט —
מיט געוואַלד יעדן פרימאָרגן די גאַזלאָנישע דראָשע.

צייט אויפצושטיין, ווי פון שטיינער געטראָפן,
רייסן זיך אויף די אויגן וואָס כאַלעשן נאָך שלאָפן,
טראָגן זיך דורך געדאַנקען ווי פויגל:
צו דעם איז מען געלאָפן? צו דעם איז מען געשאַפן?

נאָר ניטאָ קיין צייט קיין ציפער צוציען
אונטער ערדיקע און איבערדאַכיקע באַנען
וועט מען נאָך פאַרזאַמען:
די אייזערנע כייעס וועלן נאָך אויפהערן פליען.

כאַפּט מען אויף זיך אַ קלייד און אַ שוך, אַ באַן און אַ ביסן,
ניט געוואַשן, ניט געזייפן,
יאָגט מען זיך, טראָגט מען זיך אין מאַשינען פאַרשרויפן.

ברוקלין עוועניו

ווי בינען זשומען פּענעס, דיימס,
קוואָדערס, דאָלערס איז מען אויסן;
טאָג און נאַכט יאַריד,
אביסל איניווייניק, אַ סאַך אין דרויסן.

פון ארומיקע גאַסן מיט בלומען
און גרינע לאָנען,
ווייבער מענער קינדער,
ווי ערשט אראָפּ פון שיפן פון באַנען.

כאַפּן מעציעס, קאַרטאָפל מיט הערינג.
בא ברוקלין עוועניו אידענעס און אידן,
אויף די וואָרצלען פון אויסגעהאַקטע פּאַלמעס
צעווייטע פּאָלעס, ווינט יאַרידן.

וואו ניט וואו אַ גרינער בוים פאַרבליבן.
מיט צווייגן טרויעריקע אויגן,
מיטן פּאָנים צו דער ערד געבויגן,
קוועטשט מיט די פּלייצעס און גלויבט ניט די אויגן.

מאַראַנצןביימער פון נאָענטן אַרום
האַלטן זיך בײַ די זייטן פון געלעכטער,
דערציילן זיך און טעכטער, ווי מען האָט זיי געביטן
אויפן אָרט פון בלומען זיינען אויסגעוואַקסן קלייטן.

קאַליפאָרניער ברענענדיקע זון
גיסט צו וואָג און מאָס,
אין קיינעמס פאַפּירענע בייטן
אויף גרינס און אין הערינג פאַס.

נאָר אין דער שאָ ווען טאָג און נאַכט
מיט די ראָלן זיך בייטן,
דערציילט מיר אַ בוים אַ אַלמען,
שטייען אויף פון די קוואָרים די פּאַלמען

מיט צעלאָזטע צווייגן און ווינט אין די האָר,
לאַכן זיי און וויינען, אַרום די פּעסער זיי טאַנצן.
וואָס האָט מען צו זיי געהאַט! פֿאַר וועלכע זינד
האָט מען נאָך זייערע סעפֿ צעשטעלט קלייטן קראַנצן.